**UCLA**

**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**

Di Velt Fun Yitskhok Bashevis Zinger (The World of Isaac Bashevis Singer)

**Permalink**

https://escholarship.org/uc/item/98h2d5r3

**Journal**

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

**Author**

Naks (Nox), Ezriel

**Publication Date**

1979

**Copyright Information**

Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

עזריאל נאַקס / ניו־יאָרק

# די וועלט פון יצחק באַשעוויס זינגער*

מיטן געבן הייַנטיקס יאָר דעם נאָבעל פּרייז פאַר ליטעראַטור באַשעוויס זינגערן האָט די שוועדישע אַקאַדעמיע צוגעטיילט כבוד דעם שרייבער און אין אַ באַשטימטן זין אויך די שפּראַך פונעם שרייבער. דאָס זאָגט עדות אַז יידיש, די שפּראַך פון באַשעוויס זינגער, איז ניט עפּעס אַ ווילדגעוויקס אָדער אַן אונטערגעוואָרפן באַשעפעניש צווישן שפּראַכן, כאָטש עס האָט ניט קיין באַשטימט לאַנד, קיין אַרמיי, קיין פאַרשטייער אין די „פאַראייניקטע פעלקער" און אפילו ניט קיין אוניווערסיטעט ווו יידיש איז די הערשנדיקע שפּראַך. עס וואָלט געווען צום באַדויערן אַזאַ טעות ווי צו באַצייכענען יידיש ווי אַ מישלינג. וואָרעם אין יידיש זייַנען באַהאַלטן די טרערן און דאָס געלעכטער, אין יידיש האַלטן זיך אויף דאָס געוויין און דער געלעכטער פון אַ פאָלק, וואָס באַצייכענען די ציוויליזאַציע פונעם פאָלק.

דאָס איז אמת בנוגע דער שפּראַך און אויך דער ליטעראַטור. עס איז אַ מינאָרע ליטעראַטור בלויז אויף אַזוי פיל אויף וויפל עס איז אַ ליטעראַטור פון אַ קליין און צעשפּרייט פאָלק. קאָלעקטיוו אָבער איז עס אַ גרויסע ליטעראַטור, וואָס פאַרזיכערט אירע אָנגעזעענסטע שרייבערס ווי י. ל. פּרץ, שלום עליכם, שלום אַש, י. י. זינגער, אהרן צייטלין און ה. לייוויק מיט אַ פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור. צווישן די לעבעדיקע שרייבערס זענען: חיים גראַדע אין אַמעריקע, פּאָעט און נאָוועליסט פון העכסטן מין, און אברהם סוצקעווער אין ישראל, אַ פּאָעט וואָס פאַרוואַנדלט שפּראַך אין מוזיק, צווישן די מייסטערס פון דער הייַנטצייַטיקער ליטעראַטור.

עס איז אַ ליטעראַטור ניט פון פּרינצן און הערשערס, פון אינטריגאַנטן און קריגסלייט, און די דאָמינאַנטע טעמעס זענען ניט גוואַלדטאַט און ברוטאַליטעט און אויך ניט זנות און סענסואַליטעט, און דאָס געשטאַלט פון מענטש איז ניט געמיין, קאָרופּטירט און אויסגעלאַסן. עס איז פול מיט מיטלייד פאַר די זאָרגן און ליידן פון מענטש ווי אַ טייל פון לעבן אָבער אויך ווי אַ רעזולטאַט פון מאָראַלישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומגלייכקייטן אין דער געזעלשאַפט. איר צוגעבונדקייט צו דער אייביקער יידישער טראַדיציע דריקט זיך אויס אין דער משיחישער האָפענונג וואָס איז צווישן די דויערנדיקע און וויכטיקסטע מאָטיוון. די שרייבערס וואָס האָבן דאָס פאָרמירט זענען געווען הויפּטזעכלעך וועלטלעך אָריענטירט, דאָך מיט אַ הייליקער באַציונג צום לעבן און מיט געטרייַשאַפט צו די גייסטיקע ווערטן. וויסנדיק אַז יושר און חסד זענען אויך דער תוכן פון ליטעראַטור — ווי פאַרקערפּערט אין דעם סיפּור המעשה און אין כאַראַקטער — קען מען זאָגן אַז די יידישע ליטעראַטור איז אויטענטיש רעליגיעז, אין אייַנקלאַנג מיט די אַפירמאַציעס פון דעם העברעישן עטאָס, פון די נביאים און דעם תלמוד ביז אונדזער הייַנט.

עס איז אויסגעפאַלן אויף באַשעוויס זינגערן, דער ייִנגערער ברודער פון י. י. זינגער, דער גרויסער נאָוועליסט, צו ווערן דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור באַערט צו ווערן מיטן נאָבעל־פּריז. ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1904, אַ זון פון אַ רב, און איז דערצויגן געוואָרן אין אַ היים פון שטרענגער פרומקייט און איידלקייט, ווי ער האָט עס אַליין באַשריבן אין איינעם פון זייַנע ערשטע ביכער: „אין מיין טאַטנס בית־דין שטוב". זיין היים איז געווען פאַרזיגלט קעגן דער אינפילטראַציע פון דער דרויסנדיקער ניט־יידישער וועלט און פון מאָדערניזם. שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, שוין אין זייַנע פאָרמירונגס יאָרן, האָט ער זיך דערצויגן ביי זיין זיידן פון דער מאַמעס צד, אויך אַ רב, אין בילגאָריי, אַ קליין שטעטל ווו די געפאַרן פון 20טן

*) אָריגינעל געדרוקט אין ענגליש.
יידיש פון ז. ש.

יאָרהונדערט האָבן נאָך ניט געהאַט דערגרייכט.

פונעם שטאַנדפּונקט פון דער השכלה, פון די נייע ווינטן וואָס האָבן שוין דאַן געבלאָזן אין יידישן לעבן קען מען אפשר באַדויערן באַשעוויס זינגערן און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געלעבט אין אַזאַ אָפּגעזונדערטער וועלט. פון דעסטוועגן, נישט געקוקט אויף אַלע אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע באַגרענעצונגען איז ער אַזוי באַווירקט געוואָרן פון זיין לערנען דורכן דירעקטן ביישפּיל און איינשטעל, אַז ער האָט דאָך שנעל איינגעזען די פאַלשקייט פון ניטשעס ווערטל: „נישטאָ קיין אמת, אַלץ איז דערלויבט"; אַז דאָס קען ניט דינען פאַר קיין וועגווייזער אין לעבן. שוין בעסער דאָס ליכט וואָס שיינט אַרויס פון ישעיה הנביאס וואָרנונג — „ווי צו די וואָס זאָגן אַז שלעכטס איז גוט און גוטס איז שלעכט" — אַ ליכט וואָס באַלייכט דעם וועג פאָרויס. ער האָט שנעל באַנומען דעם טיפן אונטערשייד צווישן ניטשעס ווערטל און ישעיהס וואָרנונג.

נאָך זיין צוריקקום פון בילגאָריי איז ער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין עלטערן ברודער, וועלכער האָט שוין געהאַט געמאַכט דעם שפּרונג, דעם איבערגאַנג פון דער ענגער און גלאַטער וועלט פון טראַדיציע, ווו אַלץ האָט געהאַט אַ זין און באַשטימטע ווערטן — צו די ברייטע וועגן פון דער נייער וועלטלעכקייט מיט אַלע אירע גוזמות און צעטומלעניש. איצט האָט ער זיך שוין געפונען מחוץ זיין טאַטנס הויז און אַרומגערינגלט פון די אָנהענגערס וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין די נייע דאָגמעס, די סעקולערע „טעאָלאָגיעס", פּאָליטישע און קולטורעלע, איבערהויפּט די קאָמוניסטישע מיט אירע סאָפיסטישע האָר־שפּאַלטנדיקע און שפּליטערנדיקע אָפּנייגונגען און וואַריאַציעס, גרייט מקריב צו זיין אַלץ וואָס איז פאַראַן, דאָס צו דערנידעריקן צוליב זייערע אייגענע הימלשע וויזיעס, זייערע אייגענע סעקולערע עסכאַטאָלאָגיעס און טעאָריעס וועגן אַ נייען גן־עדן אויף דער ערד.

די נייע אידעאָלאָגיעס און געטשקעס האָבן אים אָבער ניט צוגעצויגן. ער איז געבליבן אַנטשלאָסן און גלייכגילטיק צו זיי. זיין אינערלעכע שפּאַנונג איז געקומען צוליב די סתירות און זיין אומרו, אַז זיין באַפרייען זיך פון די אימפּעראַטיוון פון דער טראַדיציע און פון רעליגיעזע פאָרמען פון נעכטן פירן סוף כל סוף צו פאַרניכטונג און אָפּגעלעבטקייט און אַז זיין גאַנצער איצטיקער אויפפּיר שטאַמט פון אַ פּאַגאַניסטישער אינפילטראַציע. עס איז זייער מעגלעך אַז אָט די שפּאַנונג און דער אומרו זענען געווען די קוואַלן פון זיין שעפערישקייט און ליגן טאַקע אין סאַמע האַרץ פון זיינע באַוועלן.

געקומען קיין אַמעריקע איז באַשעוויס זינגער אין 1935. זיין „שטן אין גאָריי" און אַ צאָל אַנדערע דערציילונגען זיינען שוין געווען געדרוקט אין פּוילן און האָבן געהאַט אַן ענטוזיאַסטישן אָפּרוף. ס'האָט ניט גענומען לאַנג די מבינים פון דער יידישער ליטעראַטור איינצוזען, אַז דער מחבר איז אַ מענטש מיט טאַלאַנט און צוזאָג. זיינע ערשטע יאָרן דאָ אין לאַנד זיינען ניט געווען פריי פון זאָרג. ער האָט טיילווייז פאַרדינט ווי אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". ער איז אָבער געווען אויסגעוואָרצלט אַזוי ווי איינער פון קיינעמס לאַנד. עס האָט אים געפעלט אינערלעכע מנוחה. אין שטח האָט ער געשוועבט ערגעץ צווישן בילגאָריי, זיין טאַטנס בית־דין שטוב און אַ גרויסן שטורמישן צירק, וואָס וואַרשע און ניו־יאָרק האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט; אין צייט האָט ער געשוועבט צווישן מיטאַלטער און דעם 20טן יאָרהונדערט — צעטומלט צי דער מענטש איז אין געשטאַלט פון גאָט אָדער פון שטן. ער האָט שוין געהאַט געזען דעם שטן אין גאָריי, נאָר אויב גאָט איז דאָרט געווען האָט ער זיך מסתמא באַהאַלטן, פאַרשטעלט זיין פּנים.

פון דעסטוועגן, דורך אַ מאָדנער מיסטעריעזער איראָניע, וואָס די „העכערע כוחות" (איינע פון זיינע אָפטע פראַזעס) האָבן אים צוגעשפּילט האָט באַשעוויס זינגער געוואונען חן ביי די אַמעריקאַנער ליטעראַטור קריטיקער. סאָול בעלאָ האָט איבערגעזעצט זיין קליין מייסטער־ווערק „גימפּל תם" און עס איז געוואָרן אַ מזלדיקער אָנהייב. מיט יעדער נייער איבער־

זעצונג פון זיינע ווערק איז זיין דום אַלץ העכער געשטיגן. ער איז דער איינציקער ניט־ענגלישער שרייבער וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פון קונסט און ליטעראַטור. און איצט מיטן קריגן דעם נאָבעל פּריז האָט ער דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג.

באַשעוויס זינגער האַלט זיך ביי אַ זייער איינפאַכער טעאָריע פון ליטעראַטור. ער וואָלט מסתמא ניט געוואַגט אָפּצולייקענען אַריסטאָטלס דעפיניציע פון טראַגישער פּאָעזיע, פון ליטעראַטור ווי אַ דערלייכטערונג פון עמאָציעס, ספּעציעל ווען אַריסטאָטל דערקלערט אַז אָט די דערלייכטערונג מוז זיין אַ רעזולטאַט פון אַ פולער, זעלבסטשטענדיקער האַנדלונג. נאָר זיין אייגענער בליק איז אפשר נעענטער צו האָראַצעס בליק, אַז די אויפגאַבע פון ליטעראַטור איז צו לערנען דורך פאַרווילן, הגם ער וואָלט אונטערגעשטראָכן הויפּטזעכלעך דאָס פאַרווילן. ניט לאַנג צוריק האָט באַשעוויס געשריבן אַז „דער לייענער זוכט ניט קיין אויפקלערונג, ער וויל בלויז הערן אַ מעשה, ווערן פאַראינטערעסירט, פאַרגעסן דאָס גרויע לעבן, די איינטאָניקייט פון עקזיסטענץ.”

דאָס איז טאַקע די באַזע פון ליטעראַטור אָבער ניט איר שפּיץ; איינע פון אירע אַספּעקטן, אָבער ניט איר תּיקון, איר ציל. פּאַראַדאָקסאַל און צום גליק שטימען זיינע נאָוועלעס ניט מיט זיינע מיינונגען און עצות. האָראַץ זאָגט אונדז, אַז ליטעראַטור אַנטפּלעקט אונדז די טרערן פון זאַכן. אַנדערש וואָלט מען אין זיינע נאָוועלן ניט געפונען קיין אַריינבליק אין מענטשלעכן לעבן.

„דער שטן אין גאָריי”, זיין ערשטע נאָוועלע, איז אַ משל פון גוטס און שלעכטס, פון ליכט און פינצטערניש — זיין הויפּט טעמע. אין אַלע זיינע ווערק פאַרנעמט ער זיך מיט דער טבע פון מענטש, מיט דער איבערהערשאַפט אין אים פון די עלעמענטאַרע אימפּולסן און אינסטינקטן וואָס פּלאַטאָ רופט אַפּעטיטן, דער אונטערערדישער כאַאָס פון לוסט און לײדנשאַפט. און דער מוסר־השכל ווייזט אויס צו זיין, אַז עס איז ניטאָ קיין דינגען זיך מיטן שטן; אַז מ'קען אים ניט ווייזן קיין פינגער און ניט אַריינפאַלן אין זיין נעץ פון „זינד”.

באַפרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט קען מען בלויז דורך תּשובה — זיך אָפּקערן אין צוריקקערן. אין דעם כּוח אָפּצוקערן זיך פון דער זינדיקער נעץ און אין דעם כּוח זיך צוריקקערן צום דרך הישר פון דער טראַדיציע געפינט מען היילונג פאַרן האַרץ און האָפענונג פאַר דער נשמה.

אַ צווייטע טעמע, וואָס איז אפשר אַ לאָגישער שלוס פון זיין פאַרנעמען זיך מיט גוטס און שלעכטס, איז זיין שטאַרקע ביינגונג צום קיניגרייך פון שדים און רוחות, פון אַשמדאַי און לילית אָדער גרויסער צאָל פון אַלערליי אונטערטאַנען זייערע. אָט די באַשעפענישן פון דער נאַכט, אָט די ליבהאָבער פון פינצטערניש שטעלן מיט זיך פאָר די בייזע כּוחות פון דער וועלט, די נעגאַטיווע און צעשטערערישע קאָמפּאָנענטן אין עקזיסטענץ. זיי זיינען אַזוי ווי די קליפּות, די טמא כּלים אין דער קבלה, וואָס דרינגען דורך און זיינען מטמא אַלץ און אַלעמען.

אָבער די קבלה און די חסידישע מעשיות ברענגען אַרויס אויך די פונקען דורך הייליקייט אין זאַכן און מענטשן, און אָט די פונקען קען מען אויך אַרויסרופן פון די קליפּות דורך תּפילה, התבודדות און איבערהויפּט דורך מצוות און מעשים טובים. דאָ ווידער איז דער מוסר־השכל קלאָר, אומפאַרמיידלעך: דאָס אויפהאַלטן זיך אין דעם טיוולס קיניגרייך פירט צו דער קאָרופּציע פון דער נשמה און תּהומיקער פאַרצווייפלונג צו וועלכע ס'איז דאָ בלויז איין תּרופה, אַן אָפּקערן זיך איידער ס'ווערט צו שפּעט און אַ צוריקקער צו זעלבסט־דיסציפּלין, צום היכל פון טראַדיציע, און זיך צו פאַרנעמען מיט בויען אַ בריק צווישן מענטש און גאָט.

באַשעוויס זינגער איז דורכויס אַנטיקאָמוניסטיש (אַ דריטע טעמע זיינע). ער באַשעפטיקט זיך מיט דעם ניט דירעקט, אָבער אָפטע באַמערקונגען וועגן דעם זענען צעשפּרייט איבער זיינע ווערק. עס איז פונדאַמענטאַל אין זיין דענקען, אַ מין רעגולאַטיווער און זיכערער פּאָסטולאַט. ער לייקנט אָפּ דעם משיחיזם, ווייל דורך דער אינערלעכער דיאַלעקטיק און אין אָנגעזיכט פון געשיכטע פאַרפּליכטעט עס און זאָגט צו צו ברענגען די גאולה מיט כּוח אומבלוט, אין נאָמען פון דעם פּויסט־

פּרינציפּ, וואָס היילִיקט די מיטלען (וואָס פאַרזשאַווערט און פאַרשמוצט דעם ציל) — די גאולה פון פאָלק דורך אַ דרויסנדיקער קראַפט אָבער ניט פון אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט. עס פּרעטענדירט אָפּצווישן די טרערן פון די אָרעמע, פון אַלע וואָס ליידן און דאַרפן הילף, אָבער אַנשטאָטדעם דערנידעריקט עס זייער ווערט, ווישט אָפּ דאָס געשטאַלט פון גאָט און גיט זיי אַ געשטאַלט פון גולם און דערטרינקט אַלע געפילן און סימפּאַטיעס אין אַ ים פון האַס און עקל. אַזאַ משיחיזם לייקנט אַז עס איז דאָ אומגערעכטיקייט — אַז עס זיינען דאָ גלוסטונגען — די שפּאַנונג פון די ניט געזעטיקטע ליידנשאַפטן — ניט בלויז אין דער געזעלשאַפט נאָר אויך אין די הערצער פון מענטשן.

באַשעוויס זינגער איז אַ שעפערישער שרייבער, און אין אַ קורצן עסיי איז ניט מעגלעך צו עקזאַמענירן אויף ווי ווייט זיינע טעמעס און מאָטיוון ווערן קריסטאַליזירט אין דער מעשה און אין כאַראַקטערן פון זיינע נאָוועלעס. בלויז עטלעכע וועלן דאָ פאַרצייכנט ווערן.

די צייט פון „דער שטן פון גאָריי" איז דער 17טער יאָרהונדערט, נאָך די גזירות ת"ח ות"ט, די שחיטות פון 1648-1649 און די נאָוויִעניש אין גאָריי. איטשע מאַטעס און גדליה שטעלן אַליין קאָן אויף זייערע באַזונדערע מיני משיחים: איטשע מאַטעס, אויף גובר זיין דעם יצר הרע, אויף אָפּזאָגן זיך פון אַלע פאַרגעניגנס; גדליה, אויף איבערגעבן זיך אין גאַנצן צו געמיינהייט און זנות. גאַנץ גאָריי טאַנצט נאָך גדליהן אין געמויזאַכץ פון אַ פאַלשן משיחיזם. נאָר דערפאַר וואָס דאָס ליכט פון טראַדיציע קען ניט אין גאַנצן אויסגעלאָשן ווערן, דערפאַר וואָס גאָריי האָט געהאַט אַ מאָראַל־ירושה אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, האָט גאָריי זיך שנעל אויסגעניכטערט און זיך צוריקגעקערט צו דער נאָרמאַטיווער יידישקייט וואָס איז דאָרט געווען פריער.

„דער כישופמאַכער פון לובלין" יאָגט זיך נאָך פאַרגעניגנס, איז אַ קונצנמאַכער אין אַ צירק און אויך אין לעבן. אין אַ קריטישן מאָמענט, ווען ער פאַלט אַריין אין זומפּ פון זינד און פאַרגעניגנס דערהערט ער דעם רוף צו תשובה — קער זיך אום! בויט ער זיך אויף אַ קליינעם טורעם ווו ער זונדערט זיך אָפּ, אַזוי אַז דער יצר הרע זאָל אים ניט קענען גרייכן און רייצן. דאָס איז דער סימן אַז ער האָט באַזיגט דעם יצר הרע — זיך אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, אַז קיינער זאָל ניט קענען צוקומען צו אים. דאָס איז זיין תשובה, זיין צוריקקער צו מצוות און מעשים טובים.

„דער קנעכט" איז סיי רעאַליסטיש, סיי סימבאָליש. די צייט דאָ איז אויך דער 17טער יאָרהונדערט, בעת די שרעקלעכע שחיטות אויף יידן. יעקב, דער העלד פון דער נאָוועלע, האָט איבערגעלעבט די פּאָגראָמען און איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ שקלאַף, אַ קנעכט, ערגעץ אין אַ ווייטן העק פון פּוילן. די פּויערים זיינען פּרימיטיוו, זייער קריסטלעכער גלויבן איז איינגעטונקען אין איבערגלויבן און געצנדינסט. יעקבס לעבן איז אין שטענדיקער געפאַר, נאָר וואַנדאַ, זיין באַלעבאָס טאָכטער, ווערט זיין פריינד, ברענגט אים עסן און היט אים אויס פון אַלע געפאַרן וואָס לויערן אויף אים. יעקב ווערט אויסגעלייזט פּסח, וואָס פאַלט צונויף מיט דער באַפרייונג פון יידן אין מצרים, און שפּעטער, שבועות, דער יום־טוב פון מתן תורה, גנבעט ער זיך צוריק אַריין צו זיין געוועזענעם באַלעבאָס כדי צו באַפרייען וואַנדאַן, וואָס בייט איצט איר נאָמען אויף שרה און ביידע אַנטלויפן צוזאַמען.

די צרות וואָס באַפאַלן זיי אויפן וועג זיינען פילפאַך. זיי לויפן פון אָרט צו אָרט געהאַסט פון יידן און גוים. גלייכצייטיק ווערט ער פאַרכאַפּט פון דער משיח־באַוועגונג, פון די שבתי צביניקעס, און נאָכן טראַגישן טויט פון וואַנדאַ־שרה איז ער עולה קיין ארץ־ישראל. אין הייליקן לאַנד פון יידישער אייביקייט האָט זיך די פאַרבלענדונג פון שבתי־צבי אָפּגעטאָן פון זיינע אויגן און ער האָט איינגעזען דעם גרויסן טעות. אַזוי אַרום זעען מיר דאָ ווידער אַ צוריקקער: פיזיש, צוריק צו פּוילן, צו דער גרויסער צאָל יידן, צו זיין דערוואַקסענעם זון וואָס וואַנדאַ־שרה האָט אים אין וועג געבאָרן, אַ בריליאַנטענער און פרומער למדן; גייסטיק, צו דער יידישקייט וואָס האָט דאָרט געלעבט נאָך פאַר די צוויי־פאַכיקע אָנפאַלן — די פון

דרויסן, פון די מערדערס וואָס האָבן געהרגעט יידן, און די פון אינעווייניק, פון די וואָס האָבן געזוכט האָפנונג און טרייסט אין אַ פאַלשן משיח. יעקב ווערט איצט פרייוויליק צוריק אַ קנעכט, אַ קנעכט — בלויז צו גאָט.

„דער הויף" איז אַ פראַכטיקע נאָוועלע געבויט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. ס'איז אַן עפאָס פון צוזאַמענברוך און פאַנאַנדערפאַל אונטערן איינפלוס פון דער מערב־ציוויליזאַציע, ווי עס שפיגלט זיך אָפ אין איין־און־איינציקע משפחה אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. דער הויף געהערט צו אַ פוילישן פריץ, אַ וועטעראַן פון דעם אויפשטאַנד אין 1863 — אַ קאַפריזנער, האַלב־צעדרייטער, בייזער מענטש. קלמן יעקב איז דער אויפזעער און פאַרוואַלטעט דעם הויף מיט ענערגיע און ערלעכקייט, און דער פריץ פאַרטאַכליעוועט דעם גאַנצן איינקונפט אָן אַ זין. קלמן יעקב איז מצליח מיט זיינע אייגענע אונטערנעמונגען און, דערמוטיקט פון קלאַראַן, זיין צווייט ווייב, אַ קאָקעט און פאַרשייטע פריצטע, נעמט ער איבער דעם גאַנצן הויף פון פריץ, וועמענס חובות און פאַרלוסטן ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער.

אַנטקעגן אָט דעם הינטערגרונט אַנטפלעקט זיך פאַר אונדז דאָס לעבן פון זיינע פיר טעכטער און איידימס, רעפלעקטירנדיק די ענדערונגען און צעברעקלונגען פון דעמאָלטדיקן יידישן לעבן מיט זיינע דינע דעליקאַטע נואַנסן און מאָדולאַציעס. קלמן יעקב איז עלנט און איינזאַם אין הויף. ער מוז איצט באַשליסן: אָדער פאַרשמאַכט צו ווערן אין דעם פאַרנעמיקן הויף, אָדער זיך אָנצונעמען מיט מוט פאַר תשובה, פאַר אַ צוריקקער. ער גט זיך מיט קלאַראַן, פאַרלאָזט דעם הויף כדי צוריקצוקערן זיך אין שטעטל צו לעבן צוזאַמען מיט די פשוטע און אַלטגעזעסענע פרומע יידן. דער צוריקקער פון הויף אין שטעטל איז דער צוריקקער פון דער ווייטער געצנדינערישער וועלט צו די „פיר איילן" פון אייגענעם שטעטל, צו דער שלווה פון שטעטל.

* * *

צווישן די נאָבעל לאַורעאַטן אין ליטעראַטור פון די לעצטע עטלעכע יאָר שטייט באַשעוויס זינגער ווי אַ גלייכער מיט אַלע אַנדערע. מען האָט אים אָנגעטאָן כבוד און אויך דער שפראַך פון זיין שרייבן. עס זיינען אָבער געווען אויך אַנדערע אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס האָבן פאַרדינט דעם כבוד און זיינען פאַרזען געוואָרן, טיילווייז צוליב דער היימלאָזיקייט פון דער שפראַך, ווייל עס האָט ניט קיין אייגן לאַנד. די מערב־ציוויליזאַציע איז פאַרקנסט צו שטח, צו רוים, בעת יידיש, מחמת איבערטעריטאָריאַל, איז געבונדן צו צייט.

באַשעוויס זינגער איז אַ מייסטער מעשה דערציילער. די „מעשה" וואָס ער דערציילט אין רייכער און פאַרכאַפנדיקער פאַרשידנאַרטיקייט און וועגן יידישן לעבן אין פוילן, וועגן אַ וועלט וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ. עפעס וואָלט געפעלט אין אונדזער וועלט סיידן מיר וואָלטן כאָטש איין בליק געכאַפט אויף אָט דער וועלט, סיידן מיר וואָלטן כאָטש איין מאָל געהערט דעם ניגון, די מעלאָדיע פון אָט דער וועלט אונדזערער וואָס איז שוין מער נישטאָ. איינצוהאַלטן אָט די פאַרגאַנגענע וועלט אונדזערע אין אונדזער זכרון, אָפצוהיטן אירע ווערטן, צו מאַכן איר מעלאָדיע געהערט צו ווערן, איז אַ הייליקע פונקציע פון אונדזער דמיון און פאַרשטעלונג.

ווי פינקטלעך, דאַן, איז די „מעשה" ווי עס האָט זיך דורכגעפילטערט באַשעוויס זינגערס פאַרשטעלונגס קראַפט? אין צענטער פון דער מעשה איז אַלע מאָל פאַראַן אַ מאָראַלישער אַראָפפאַל, אַ מין גיין צו אַ זומפ, אַן אומעטומקייט פון שלעכטס, און דאַן, ביים סוף איז דאָ אַ דערוואַכונג, אַן אַוועקגיין פון דער פאַרסמטער לופט, אַ צוריקקער. אָבער דער מאָראַלישער אַראָפפאַל, דאָס פריערדיקע שלעכטס איז אַזוי אינטענסיוו און שטייגנד אַז דער צוריקקער איז שוין אַ טומאַן און דאָס מודה זיי זיך אין תשובה איז פאַרשטומט. דער צוריקקער איז צו אַן אייביקן עבר, צו אַן אייביקער טראַדיציע. אָבער דאַרף עס דען ניט זיין — און עס קוקט ניט אויס צו זיין — אַ צוריקקער מיט אַן אונטערשייד? אָן דעם אונטערשייד איז דער צוריקקער ניט גילטיק, ניט איבערצייגנדיק.